


# איבערבליק פון געזעצן

## וואס באשיצן אלע ארבעטער אין ניו יארק סטעיט

דער פאקט בלאט איז אן איבערבליק פון געזעצן אין ניו יארק סטעיט וואס באשיצן אייך אלס אן ארבעטער. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר, וועלכע האט איבערזיכט פון די געזעצן, באשיצט אלע ארבעטער פון געהאלט רויבעריי, אפגעזען פון זייער אימיגראציע סטאטוס. אויב איר ארבעט סיי וואו אין ניו יארק סטעיט, אפילו אויב איר זענט נישט דאקומענטירט, א מייגרענט אדער א שעלטער זוכער, זענט איר באשיצט לויט די געזעץ. אין אונזער סטעיט, מוזן ארבעטסגעבער געבן די מינימום וועידזש פער שעה און נאך בענעפיטן אויסגערעכנט אונטן.

## מינימום וועידזש איז פארלאנגט

אלע ארבעטער זענען בארעכטיגט צו באקומען כאטש א מינימום וועידזש פאר יעדע שעה וואס זיי ארבעטן. דאס רעכנט אריין רעסטוראנט ארבעטער, נעגל סאלאן ארבעטער, ארבעטער וועלכע באקומען טיפס, און נאך, אפגעזען פון אימיגראציע סטאטוס.

| לאקאציע | מינימום וועידזש (פון יאנואר 1, 2024) | געטיפטע סערוויס ארבעטער* (פון יאנואר 1, 2024) | געטיפטע עסנווארג סערוויס ארבעטער* (פון יאנואר 1, 2024) |
|---|---|---|---|
| **ניו יארק סיטי** | **$16.00/שעה** | $13.35 קעש געהאלט<br>$2.65 טיפ קרעדיט | $10.65 קעש געהאלט<br>$5.35 טיפ קרעדיט |
| **לאנג איילענד און וועסטשעסטער** | **$16.00/שעה** | $13.35 קעש געהאלט<br>$2.65 טיפ קרעדיט | $10.65 קעש געהאלט<br>$5.35 טיפ קרעדיט |
| **רעשטע פון ניו יארק סטעיט** | **$15.00/שעה** | $12.50 קעש געהאלט<br>$2.50 טיפ קרעדיט | $10.00 קעש געהאלט<br>$5.00 טיפ קרעדיט |

ניו יארק סטעיט געזעץ ערלויבט פאר ארבעטסגעבער אין געוויסע אינדוסטריעס אזויווי האטעלן, רעסטוראנטן און קעיטערינג צו צוזאמרעכענען וואס עס ווערט באצאלט דורך דער ארבעטסגעבער אויב דער ארבעטסגעבער מאכט גענוג געלט פון טיפס פון קונדן. צום ביישפיל, א רעסטוראנט אין ניו יארק סיטי קען צאלן $10 א שעה (אנגערופן די "קעש געהאלט") אויב דער ארבעטער פארדינט א דורכשניט פון כאטש $5 א שעה אין טיפס יענעם טאג (די "טיפ קרעדיט"). **עסנווארג סערוויס ארבעטער** רעכנט אריין סערווירער, באר-טענדערס און באסינג איינגעשטעלטע. דאס רעכנט נישט אריין דעליווערי ארבעטער. **געטיפטע סערוויס ארבעטער** זענען אנדערע ארבעטער, אזויווי רעסטוראנט באטלערס און הויז-קיפערס, וועלכע באקומען געווענליך טיפס.

אלע אנדערע נישט-האספיטאליטעט ארבעטער, אריינגערעכנט אזעלכע אין נעגל סאלאנען און קאר וואשעס, וואלעי פארקינג געהילפן און האר-סטייליסטן מוזן באצאלט ווערן די פולע מינימום וועידזש, אפילו אויב זיי באקומען טיפס.

### אווערטיים

מערסטנס ארבעטער מוזן ווערן באצאלט איינס א האלב מאל פון זייער געווענליכע באצאלונג ראטע פאר יעדע שעה וואס זיי ארבעטן מער פון 40 שעה א וואך.

### מאלצייט צייטן

ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט מוזן געבן פאר אלע ארבעטער צייט פאר מאלצייטן, נאכ'ן ארבעטן א געוויסע צאל שעות. אין אלגעמיין, מוזן ארבעטסגעבער געבן כאטש 30 מינוט פון נישט-באצאלטע צייט אויב אן ארבעטער ארבעט מער פון 6 שעה.

### אפטקייט פון באצאלן

ניו יארק סטעיט געזעץ פאדערט אז מענואל (פיזישע) ארבעטער זאלן באצאלט ווערן יעדע וואך, און קלעריקעל (אפיס) און אנדערע ארבעטער זאלן באצאלט ווערן כאטש צוויי מאל א מאנאט.

### מעלדונגען פאר ארבעטער

ארבעטסגעבער זענען פארלאנגט צו צושטעלן די פאלגנדע מעלדונגען פאר ארבעטער:

- געהאלט סטעיטמענטס (פעי סטאבס) מיט יעדע באצאלונג פון געהאלט
- באצאלונג מעלדונג, די מעלדונג פון באצאלונג ראטעס און באצאלונג טאג אינאיינעם מיט אינפארמאציע איבער שעות און בענעפיטן אזויווי פארווייילונגס צייט, אינשורענס, א.ד.ג.
- אפזאג מעלדונג, וואס איז א געשריבענע מעלדונג פאר אן ארבעטער אין די לעצטע פינף טעג איידער זיי ווערן אפגעזאגט

### באצאלטע קראנקהייט אורלויב

אלע פריוואטע סעקטאר (נישט-רעגירונג) ארבעטער אין ניו יארק סטעיט זענען געדעקט אונטער די שטאט'ס קראנקהייט און זיכערהייט אורלויב געזעץ. דאס מיינט אז איר האט די

מעגליכקייט אראפצונעמען צייט פון ארבעט אויב איר שפירט זיך נישט גוט. די לענג פון צייט און אויב עס איז באצאלט אדער נישט ווענדט זיך אין די גרויסקייט פון די ביזנעס וואס איר ארבעט פאר. ארבעטער פון יעדע סארט ארבעט זענען געדעקט, אפילו די וועלכע ארבעטן נאר פארט-טיים אדער נאר געוויסע צייטן פון יאר.

### נקמה קעגן ארבעטער

באריכטן א מעגליכע פראבלעם אדער אן אומלעגאלע אקטיוויטעט פון אייער ארבעטסגעבער קען אויסזען שרעקעדיג, אבער ארבעטסגעבער טארן אייך נישט באשטראפן פאר'ן אונז מעלדן איבער לעיבאר געזעץ פארלעצונגען אדער געבן אינפארמאציע פאר'ן לעיבאר דעפארטמענט. אויב איר באריכט א פארלעצונג, טאר אייער ארבעטסגעבער אייך נישט: אפזאגן, שניידן אייער באצאלט אדער שעות, אייך שיקן צו אן אנדערע לאקאציע אדער נידערן אייער ראנג. אויב זיי סטראשען צו טון עפעס קעגן אייך, אייך באריכטן, אייך פארשיקן אדער עפעס אנדערש, איז דאס קעגן די געזעץ.

## ארבעטער'ס פארגיטיגונג

אויב איר ווערט געשעדיגט אדער ווערט קראנק אלס דירעקטע רעזולטאט פון אייער ארבעט, איז דא הילף פאר אייך. ניו יארק סטעיט פארלאנגט ארבעטסגעבער צו צושטעלן ארבעטער'ס פארגיטיגונג אינשורענס דעקונג פאר יעדע ארבעטער, אפגעזען פון בירגערשאפט און/אדער אימיגראציע סטאטוס. אין פאל פון אן ארבעט-פארבינדענע שאדן אדער קראנקהייט, צאלט די אינשורענס פאר מעדיצינישע קעיר און שטעלט צו טיילווייזע געהאלט ערזעצונג אויב איר קענט נישט ארבעטן (אדער פארדינט ווייניגער) צוליב אייער שאדן אדער קראנקהייט. איר קענט לערנען מער דורך באזוכן **wcb.ny.gov** אדער רופן **877-632-4996**. אומזיסטע שפראך הילף סערוויסעס זענען אוועילעבל אויב איר ווילט אינפארמאציע אין א שפראך אויסער ענגליש.

## אריינגעבן א קלאגע

די לעיבאר דעפארטמענט העלפן באקומען געהאלט געלטער שולדיג פאר ארבעטערס וועלכע האבן נישט באקומען די מינימום וועידזש, איינמאל זיי געבן אריין א קלאגע מיט אונז.

### אומבאצאלטע געהאלטן

- אייער ארבעטסגעבער האט אייך נישט באצאלט פאר אלע שעות געארבעט
- אייער באצאלונג טשעק האט גע'באונס'ט וויבאלד עס איז נישט געווען גענוג געלט אינעם אקאונט
- איר האט נישט באקומען אלע אייערע טיפס
- אייער באצאלונג ראטע איז געענדערט געווארן אן קיין פריערדיגע מעלדונג

### אומבאצאלטע געהאלט צוגאבעס

- אייער ארבעטסגעבער האט אייך צוגעזאגט (מינדליך אדער שריפטליך), אבער האט נישט צוגעשטעלט וואקאציע באצאלונג, האלידעי באצאלונג, באנוסעס, א.ד.ג.

### מינימום וועידזש/אווערטיים

- אייער ארבעטסגעבער האט אייך באצאלט ווייניגער ווי די מינימום וועידזש.
- אייער ארבעטסגעבער האט אייך נישט באצאלט די אווערטיים ראטע פאר שעות געארבעט מער פון 40 שעה א וואך.

### נישט-געהאלט ארטיקלען

- אייער ארבעטסגעבער האט אייך נישט געגעבן די געפאדערטע מאלצייט צייט, טאג פון רו, פעי סטאב, מעלדונג פון באצאלונג, צייטליכע באצאלונג פון געהאלטן, אדער גענומען א נעגאטיווע שריט קעגן אייך פאר'ן אריינגעבן א קלאגע.

### קלאגע בויגנס

- ענגליש: **dol.ny.gov/labor-standards-complaint-form-ls223**
- אלבאניש: **dol.ny.gov/ls223al-albanian-labor-complaint-form**
- אראביש: **dol.ny.gov/ls223ar-arabic-labor-complaint-form**
- בענגאליש: **dol.ny.gov/ls223bn-bengali-labor-complaint-form**
- כינעזיש: **dol.ny.gov/ls223c-chinese-labor-complaint-form**
- פראנצויזיש: **dol.ny.gov/ls223f-french-labor-complaint-form**
- גריכיש: **dol.ny.gov/ls223g-greek-labor-complaint-form**
- העישען קריאול: **dol.ny.gov/ls223hc-haitian-creole-labor-complaint-form**
- הינדי: **dol.ny.gov/ls223h-hindi-labor-complaint-form**
- איטאליעניש: **dol.ny.gov/ls223i-italian-labor-complaint-form**
- יאפאנעזיש: **dol.ny.gov/ls223j-japanese-labor-complaint-form**
- קארעאן: **dol.ny.gov/ls223k-korean-labor-complaint-form**
- פויליש: **dol.ny.gov/ls223p-polish-labor-complaint-form**
- פארטוגעזיש: **dol.ny.gov/ls223pg-portuguese-labor-complaint-form**
- רוסיש: **dol.ny.gov/ls223r-russian-labor-complaint-form**
- ספאניש: **dol.ny.gov/ls223s-spanish-labor-complaint-form**
- אורדו: **dol.ny.gov/ls223ur-urdu-labor-complaint-form**
- אידיש: **dol.ny.gov/ls223y-yiddish-labor-complaint-form**

### שיקט אריין די אויסגעפולטע קלאגע בויגנס צו:

**NYS DOL, אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן**
**State Office Campus**
**Building 12, Room 266B Albany, NY 12226**

אויב איר דארפט נאך הילף מיט אריינגעבן אייער קלאגע, ביטע רופט: **1-888-469-7365**.